השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך

ווין

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת אמור שנת תשפ"ג לפ"ק

### בסעודת ברית מילה של הילד יעקב אלי' נ"ו בן הר"ר פנחס ראזענבערג הי"ו

יום א' פרשת אמור תשפ"ג לפ"ק

**מען** שטייט אין די טעג פון ספירה, די וואך אין די פרשה, איז אויך דא די מצוה פון ספירת העומר. די מצוה פון עומר איז געווען, אז ממחרת הפסח האט מען גענומען ראשית קצירכם, די ערשטע שניט, און מען האט עס געברענגט אין בית ה', און דאס האט מען מניף געווען, מען האט עס אויפגעהויבן תנופה פארן אייבערשטען. און ביז דעמאלטס האט מען נישט געקענט עסן פון די נייע תבואה, חדש איז געווען אסור. נאכדעם וואס מען האט מקריב געווען דעם עומר, האט מען געקענט עסן פון די נייע תבואה. - נאכדעם איז דא א מצוה, אז מען דארף ציילן יעדן טאג ספירת העומר. פון דעם עומר וואס מען האט מקריב געווען, ביז מתן תורה, איז מען משלב, און מען האלט א גאנצע חשבון אויף די ניין און פערציג טעג.

**יעדע** מצוה אויסער די סודות הדברים וואס ליגט דערין, ליגט דערין אויך דברים פשוטים. די מצוה פון עומר לערנט אונז, אז א יעדע זאך וואס דער אייבערשטער גיט פאר א מענטש, דארף ער מקדיש זיין די ערשטע פארן באשעפער. מען קען נישט עסן קיין נייע תבואה, ביז מען האט נישט קודם גענומען דעם עומר, און מען האט עס געברענגט אינעם בית ה'. א יוד דארף שטענדיג מקדיש זיין דעם ראשית, און עס ברענגען אינעם בית ה', ביז מען איז נישט מקריב דעם ראשית, אזוי לאנג קען מען נישט עסן. – און אזוי איז ביי יעדע זאך אינעם לעבן, דארף א יוד מקדיש זיין דעם ראשית וואס ער האט, און עס אוועקגעבן פארן אייבערשטען.

**די** זעלבע איז אויך ביי קינדער וואס דער אייבערשטער גיט, א בכור האט אויף זיך א קדושה, דאס איז די ערשטע קינד, און מען איז אים מקדיש פארן אייבערשטען. - די יונגע יארן, דאס איז די ראשית, איז מען מקדיש פארן אייבערשטען, מען זיצט און מען לערנט די ערשטע יארן אין בית המדרש, און נאכדעם גייט מען ארויס צו טון אין עניני עולם. ווייל די מצוה פון ראשית קצירכם, איז נישט נאר א מצוה וואס איז נוגע צום עומר אליין. ציילט מען יעדן טאג ביז מתן תורה, זאלסט געדענקען דעם ראשית קצירכם, אז ווען מען וועט געבן די תורה, זאלסטו מיט דיר מיטנעמען דעם ראשית קצירכם, אז דאס ערשטע דארף מען מקדיש זיין פארן אייבערשטען.

**עס** שטייט אין די גמרא (סוטה יז.), איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, א שטוב וואס איז זוכה, איז דא דערין השראת השכינה. אין 'איש' איז דא א יו"ד, אין 'אשה' איז דא א ה"א, דאס איז י"ה, די האלבע נאמען פונעם אייבערשטען, שכינה שרויה ביניהם, עס איז דא השראת השכינה. אז עס איז לא זכו, אש אוכלתן, נעמט דער אייבערשטער אוועק די יו"ד מיט די ה"א,

און עס בלייבט איבער אש און אש. אבער ביז ווילאנג מען פירט זיך ערליך, איז דא דער י"ה אין שטוב.

**עס** שטייט אין די פריער'דיגע ספרים, אז דעם אייבערשטענ'ס נאמען איז דאך יהו"ה, וואס איז מיט די ו"ה. שטייט פון **גר"א**, אז די כתובה וואס מען גיט, דאס איז משלים די ו"ה. ווייל כתובה איז כתב ו"ה, דער כתב איז משלים דעם ו"ה. אנדערע ברענגען צו פונעם **זוהר הק'** (ח"ג לד.), אז די קינדער וואס מען האט, א בן און א בת, איז א וא"ו מיט ה"א. קומט אויס, ווען דער אייבערשטער גיט אז מען האט קינדער, די מצוה פון פריה ורביה איז דאך א בן און א בת, איז דא די י"ה ביי די עלטערן, און ו"ה ביי די קינדער. ווען מען האט קינדער, דעמאלטס ווערט נשלם דער גאנצער שם הוי"ה אינעם שטוב.

**איז** די תורה מרמז דא ביי די מצוה פון עומר, והניף את העומר לפני הוי"ה (ויקרא כג-יא), ווען מען ברענגט דעם עומר פארן אייבערשטען, באגעניג דיך נישט נאר מיט דעם עומר, דעם ראשית קצירכם האסטו געברענגט פארן אייבערשטען, נאר דו דארפסט אויפהייבן דעם עומר, און ארויסלערנען דערפון, אז ווען עס קומט מחנך צו זיין קינדער, לפני הוי"ה, ווען עס שטעלט זיך צוזאם דער י"ה פון אב ואם, און דער ו"ה פון די קינדער, נעם דעם עומר און טראג עס אריבער פאר דיינע קינדער, און לערן דיך פון דארט אראפ, אז דאס ערשטע קינד דארף מען מקדיש זיין פארן אייבערשטען. דאס איז די קדושה פון בכורה, און די זעלבע איז אויך מיט די איבריגע קינדער, דער ראשית איז מען מקדיש פארן אייבערשטען. א קינד, איז די ערשטע מצוה, אז מען מל'ט אים ביי די אכט טאג. דא איז עס ראשית קצירכם, און מילה איז אויך א געוויסע ראשית קצירכם, ווען מען מל'ט א קינד איז דאס אויך א קציר, דער ראשית גיט מען אוועק פארן אייבערשטען. - ווענן דעם ווינטשט מען אן, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אזוי ווי דער ראשית, ביים ברית, האט מען אים מקדש געווען פארן אייבערשטען, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אלץ געדענקען אז דעם ראשית דארף מען אוועקגעבן פארן אייבערשטען, און נאכדעם נעמט מען, וואס עס קומט זיך פאר זיך אליין.

## דברי הספד בהלויה של מרת פראנצוויז ע"ה

### אשת הר"ר אברהם יצחק פראנצוויז הי"ו

יום ג' פרשת אמור תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט אין די תורה (בראשית כג-ב) ווען שרה אמנו איז נסתלק געווארן, ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכתה, אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה, און איר באוויינען. דער זיידע דער **שאמלויא'ער רב** אין זיין ספר **אבני המקום** (אבן אופל אות לא) שטעלט זיך, פארוואס זאגט נישט דער פסוק, ויבוא אברהם לספוד ולבכות את שרה. ער זאגט לספוד לשרה, מספיד זיין שרה, ולבכתה, און איר באוויינען. און ער זאגט כמה דרכים, אז ולבכתה ענדיגט זיך מיט א ה"א, ער איז געקומען מספיד זיין שרה, און ער האט באוויינט די בחינה פון ה"א, וואס איז געווען ביי שרה.

**עס** קען אפשר זיין לענינינו, מען איז זיך צוזאמגעקומען מספיד זיין א אשה חשובה מאוד, א טאכטער וואס איז נתגדל געווארן אין אזא חשוב'ע שטוב, דער פאר פון אונזער שול, רבי פרץ (פריעדמאן) זכרונו לברכה. דעם חינוך וואס זי האט באקומען ביי אירע עלטערן האט זי מיטגענומען מיט זיך אינדערהיים, און זי האט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל, שיינע יודישע דורות, קינדער יראי ה' וחושבי שמו. זי האט אריינגעלייגט אסאך מיה און כח, אז די קינדער זאלן נתגדל ווערן אויפן ריכטיגן וועג. דאס איז די פראכט פון א יודישע מאמע. נישט די עניני גשמיים וואס זי האט באשיינט די שטוב, נאר די רוחניות וואס זי לייגט אריין, די ווארימקייט וואס מען לייגט אריין

אין א שטוב, וואס דאס באגלייט די דורות אויף שפעטער, און פון דעם איז מען נהנה לנצח נצחים.

**די** גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה שזכו שכינה שרויה ביניהם. אז מען פירט א יודישע שטוב, ביידע זענען זוכה, איז דא א השראת השכינה אין די שטוב. רש"י איז מסביר, אז אין 'איש' איז דא א יו"ד, אין 'אשה' איז דא א ה"א, וואס דאס איז דער נאמען פונעם אייבערשטען, י"ה. זכו, אז מען איז זוכה, איז דא השראת השכינה, די יו"ד פון 'איש' און דער ה"א פון די 'אשה', איז דארטן אין די שטוב. לא זכו, נעמט דער אייבערשטער אוועק די יו"ד מיט די ה"א, אש אוכלתן, עס בלייבט נאר איבער די אנדערע צוויי אותיות אויסערן שם. אבער אז מען איז זוכה, און מען פירט אן ערליכע יודישע שטוב, איז דא אן השראת השכינה אין די שטוב, דער אייבערשטער רוהט דארטן, דער מאן ברענגט אריין אין די שטוב דעם אות יו"ד, די אשה ברענגט אריין אין די שטוב דעם אות ה"א, און צוזאמען איז דא השראת השכינה.

**אברהם** אבינו בשעת ער איז געקומען מספיד זיין שרה און איר באוויינען, האט ער נישט באוויינט אירע מעלות וואס זי איז געווען פאר זיך, ער האט נישט באוויינט זיין אייגענעם חסרון, וואס אין אשה מתה אלא לבעלה (סנהדרין כב:), די ווייטאג וואס ער גייט אדורך. נאר ער האט באוויינט דעם אות ה"א וואס זי האט געלאכטן אין שטוב. די ה"א פון 'אשה' וואס איז געווען א חלק פונעם שם, אברהם איז געווען א טפל לשרה בנביאות (שמו"ר א-א). און זי האט אריינגעלייגט קדושה און ערליכקייט אינעם שטוב, און אויפגעצויגן אזא קינד ווי יצחק אבינו. ויבא אברהם לספד לשרה, ער איז געקומען מספיד זיין שרה, ולבכתה, ער האט באוויינט די ה"א וואס איז דא אין די אשה, וואס דאס איז א חלק פונעם שם, וואס דאס איז יעצט צוגענומען געווארן פונעם שטוב.

**עס** שטייט אין מדרש (ב"ר נח-ה), ויבא אברהם לספוד לשרה, אברהם איז געקומען מספיד זיין שרה. מהיכן בא, פון וואו איז ער געקומען? זאגט דער מדרש, מהר המוריה בא, ער איז געקומען פון הר המוריה. ער האט דעמאלטס געברענגט יצחק אויף די עקידה, און דעמאלטס איז שרה געשטארבן, איז ער געקומען פון הר המוריה מספיד זיין שרה. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער פשט דערפון איז, ווען אברהם האט געוואלט מספיד זיין שרה, וועלכע נקודה פון שרה איז ער געקומען מספיד זיין? ער האט מספיד געווען שרה, אז זי האט איבערגעלאזט אזא קינד ווי יצחק, וואס איז יעצט געקומען פון הר המוריה, וואו ער איז געווען גרייט זיך אויסצושטרעקן זיין האלדז פארן אייבערשטען, און זיך לאזן שחט'ן פארן באשעפער, דאס איז די גרעסטע הספד וואס מען קען זאגן, אז זי האט אזא קינד וואס איז געווען יעצט אויפן הר המוריה, און ער האט זיך איבערגעגעבן פארן אייבערשטען.

**ויבא** אברהם לספוד לשרה ולבכתה, ווען ער איז געקומען באוויינען שרה, מהיכן בא, פון וועלכע נקודה איז ער געקומען ארויסברענגען די מעלות פון שרה? מהר המוריה בא! דאס איז די שענסטע און די חשוב'סטע זאך וואס מען קען ארויסברענגען ביי א אשה חשובה, אז זי האט אריינגעלייגט איר גאנצע הארעוואניע אין די שטוב, אויפצושטעלן דורות פון יראי ה', וואס פירן זיך אויף ערליך. מען איז געקומען מספיד זיין די שרה, מהר המוריה, אז זי האט קינדער וואס זענען גרייט אויף מסירת נפש פארן אייבערשטען, אזוי ווי יצחק אבינו.

**מען** האט פריער געהערט, די ערליכקייט וואס די חשוב'ע נפטרת האט געהאט ביי זיך אליין, און וויפיל כוחות זי האט אריינגעלייגט אין די שטוב, אויף מגדל זיין ערליכע יודישע דורות, דאס איז א נצחיות וואס באגלייט שפעטער, צדק לפניו יהלך, וואס דאס גייט מיט אויף יענע וועלט, און עס באגלייטן אלע מעשים טובים וואס מען האט געטון בחייו.

**אין** די לעצטערע יארן האט זי אזויפיל געליטן, און זי האט אלעס מקבל געווען באהבה, יסורים ממרקין עוונותיו של אדם (ברכות ה.), זי גייט ארויף אויסגעלייטערט. זאל זי זיין א מליצה יושר פאר איר חשוב'ן מאן, און פאר די חשוב'ע קינדער, און פאר די גאנצע משפחה, שלא ישמע עוד שוד ושבר בגבולינו, און מיר זאלן אלע זוכה זיין בקרוב אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת אמור תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז דא די מצוה פון שבת, און די מצוה פון מועדים. דער **בראשוב'ער רב זצ"ל** איז געווען א קאסוב'ער חסיד, און ער שרייבט אין זיין ספר **מכתם לדוד**, אז ער איז אמאל געווען ביי זיין רבי פרשת אמור, און ער האט געזאגט פאר זיין רבי'ן, אז חסידים זאגן, אז פרשת פנחס איז א ענין צו זיין ביי א צדיק, ווייל אזוי ווי אין פרשת פנחס איז אויסגערעכנט אלע מועדים, און די קריאה איז מעורר את הזמן, איז דאך דער טייטש אז אין פרשת פנחס איז דא אלע כוחות פון אלע ימים טובים. אז מען פארט צו א צדיק אין די פרשה, קומט אויס, אז מען איז דארט אלע ימים טובים. האט ער געזאגט פאר זיין רבי, אז אין פרשת אמור איז דאך אויך דא אלע מועדים, איז אויך דא דער זעלבער ענין.

**האט** אים זיין רבי געזאגט, אמת, און עס איז נאך מער פרשת אמור פון פרשת פנחס. ווייל אין פרשת אמור איז אויך דא די פרשה פון לחם הפנים, דער לחם הפנים האט געברענגט פרנסה פאר יודען, איז ממילא ליגט אין די פרשה אויך א סגולה פאר פרנסה. – על כל פנים, די וואך איז דא די מצוה פון שבת.

*

**ביי** שבת שטייט אין פסוק (ויקרא כג-ג) ששת ימים תיעשה מלאכה, וביום השביעי שבת שבתון מקרא קודש, כל מלאכה לא תעשו, שבת הוא לה' בכל מושבותיכם. עס שטייט אין די מפרשים, אז עס איז דא כמה מצות, וואס די תורה שרייבט 'לכם', ביי ספירה שטייט (שם כג-טו) וספרתם לכם, מען זאל ציילען פאר ענק. ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר (שם כג-מ), עטץ זאלטס נעמען פאר ענק. ביי זייער אסאך מצוות שרייבט די תורה די לשון לכם. און דא שטייט נישט לכם, דא שטייט די לשון אין פסוק, שבת הוא לה' בכל מושבותיכם.

**עס** שטייט אין די מפרשים, מיט א משל. עס איז דא צוויי מענטשען וואס ציילען געלט, און עס איז דא א גרויסער חילוק צווישן איינעם און דעם צווייטען. א טעלע"ר וואס זיצט אין באנק, און ער ציילט א גאנצן טאג געלט. מען גיט אים געלט, און ער גיט ארויס געלט. אים אינטערעסירט נישט וואס ער טוט, ער האט נישט קיין שמחה ווען ער באקומט אריין דיפאזי"ט'ס פון מיליאנען. עס אינטערעסירט אים נישט צו ער האט באקומען איין דיפאזי"ט, צו ער האט באקומען הונדערטער דיפאזי"ט'ס. אים אינטערעסירט נישט צו ער האט ארויסגעגעבן היינט איין דאלער, צו ער האט ארויסגעגעבן א מיליאן דאלער. עס איז נישט זיינס, עס איז יענעמס, ער ציילט יענעמס געלט.

**נאכדעם** איז דא א מענטש וואס האט א אייגענעם געשעפט, און סוף טאג ציילט ער אפ זיין געלט וואס ער האט פארדינט. ביי אים איז א חשבון יעדע פרוטה וואס איז אדורכגעגאנגען. האב איך פארדינט געלט, צו האב איך פארלוירן. איך האב ארויסגעגעבן געלט, די הוצאות זענען געווען כך וכך, צו האב איך פארדינט געלט. און יעדע דאלער וואס ער האט באקומען, ער האט געהאט מער ריוח, איז די שמחה נאך גרעסער, און נאך גרעסער. פארוואס? ווייל דאס איז זיינס. דער טעלע"ר אין די באנק ארבעט מיט יענעמס, עס אינטערעסירט אים נישט.

**די** זעלבע איז אפילו אין א געשעפט אליין. עס איז דא אמאל וואס דער קעשיע"ר דארף סוף טאג מאכן א חשבון פונעם געלט וואס איז דא. און ער הייבט אן צאמצוציילען דעם רעדזשיסטע"ר וויפיל געלט עס איז דא. אים אינטערעסירט נישט צו היינט איז געווען הונדערט דאלער, צו טויזנט דאלער, צו צען טויזנט דאלער, עס איז ממילא נישט זיינס, ער האט גארנישט דערפון. אבער ווען דער בעל הבית ציילט עס, ביי יעדן דאלער וואס ער האט באקומען מער פון זיינע הוצאות, האט ער נאך א שמחה, עס איז געווען היינט ריוח, און נאך מער ריוח, ווייל דאס איז זיינס.

**די** זעלבע איז ווען עס קומט צו תורה און צו די מצות פונעם אייבערשטען. עס קען זיך אמאל דאכטען פאר א מענטש, אז ער איז נאר דער טעלע"ר פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט געבעטען אז מען זאל טון מצות און מעשים טובים, און ער פאלגט, ער טוט וואס דער בעל הבית

האט אים געהייסען, אזוי ווי דער טעלע"ר וואס פאלגט וואס מען האט אים געהייסען ער זאל טון. אבער עס בלייבט נישט ביי אים, ער האט נישט קיין שמחה פון דעם. האט ער יא געדאווענט, האט ער נישט געדאווענט, האט ער יא געלערנט, האט ער נישט געלערנט. ער האט געטון וואס ער האט געדארפט צו טון. ער לערנט ווייל ער איז מקיים אלע מצוות פונעם אייבערשטען, אבער עס איז נישט זיין אייגענע אינוועסטמענ"ט, עס איז דעם רבונו של עולם'ס.

**נאכדעם** איז דא פארקערט, ער טוט עס נישט פארן אייבערשטען, עס איז זיינס. וואס איך טוה, טוה איך פאר מיר. דאס איז מיין חלק לעולם הבא, דאס איז מיין השלמה, איך האב א נחת רוח אז איך קען טון א מצוה פארן אייבערשטען. די תורה זאגט ביי יעדע מצוה, טוה עס נישט ווייל איך האב געהייסען אז דו זאלסט עס טון, דו טוסט מיר א טובה אז דו האסט עס געטון, נאר ולקחתם לכם, ווען דו נעמסט די ארבעה מינים, נעם עס פאר דיר. וספרתם לכם, דו ציילסט ספירה, איך האב נאך א מצוה אריינכאפט, איך האב געציילט ספירה. און אזוי אלע מצות פון די תורה דארף א מענטש טון 'לכם'. דו ארבעטסט נישט פאר יענעם, דו ארבעטסט פאר דיר אליין.

**שבת** דארף מען נישט זאגען אז מען זאל עס טון 'לכם', ווייל שבת איז א יום מנוחה, א טאג וואס מען רוהט, עונג שבת, עס איז א טאג וואס מען עסט, עס איז נאר לכם. ביי שבת, אז עס זאל זיין לכם, דארף איך דיר נישט פארציילען, ווייל די עצם מצוה איז לכם. שבת דארף זיין שבת הוא לה' בכל מושבותיכם, אפילו דיינע עניני גשמיות וואס דו טוסט, עס איז טאקע לכם, דו רוהסט דיך אויס, דו גייסט האבן כח שפעטער צו דינען דעם אייבערשטען. אבער דו ביסט מענג דעם שבת, ווייל די תורה האט געהייסען מענג זיין דעם שבת. ביי שבת האט די תורה געשריבן שבת הוא לה' בכל מושבותיכם, דו טוסט דאך עס לכם, איך דארף דיר נאר צוגעבן, אז נישט נאר עס זאל זיין לכם, עס זאל אויך זיין לה'. ביי אנדערע מצות איז פארקערט, פאר א מענטש קען זיך דאכטן אז ער טוט עס נאר לה', ער טוט עס פארן אייבערשטען, דארט שרייבט די תורה, דו טוסט עס נישט לה', דו טוסט עס לכם. יעדע מצוה וואס א מענטש טוט, טוט ער פאר זיך, פאר זיין שלימות, פאר זיין נשמה, פאר זיין חלק לעולם הבא.

**אין** די מפרשים שטייט נאך טיפער, וואס א מענטש טוט בעולם הזה, ער עסט, ער טרינקט, ער שלאפט, ער מאכט געשעפטן, דאס איז נישט פאר דיר. דו גייסט אלעס איבערלאזן, דו וועסט גארנישט מיטנעמען פון אלע זאכען וואס דו האסט געטון. דו האסט געמאכט יעצט אז דיינע קינדער, צו אנדערע מענטשען, וועלן הנאה האבן פון וואס דו האסט געטון. דו האסט עס געטון פאר דיר אויך, אבער נישט נאר פאר דיר. א מצוה וואס א יוד טוט, דאס איז לכם, דאס טוט ער פאר זיך. אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות (אבות ו-ט). יעדע מצוה וואס א יוד טוט, דארף ער עס טון מיט א שמחה, מיט א פרייליכקייט, ער האט עס געטון לכם, ער האט עס געטון פאר זיך, און נישט פאר א צווייטען.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת אמור תשפ"ג לפ"ק ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת בהר - בחוקותי תשפ"ג לפ"ק

**מען** האט געהאט די פאריגע וואך אין די פרשה די מצוה פון טומאת כהנים, לנפש לא יטמא בעמיו, א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין צו א מת. אבער עס זענען דא זיבן קרובים, וואס די תורה האט מתיר געווען, אז צו זיי קען ער זיך מטמא זיין. כי אם לשארו הקרוב אליו, לאמו לאביו ולבנו ולבתו ולאחיו, ולאחותו הבתולה הקרובה אליו וגו', לה יטמא (ויקרא כא-א). ביי א כהן גדול שטייט שפעטער אין די פרשה (שם כא-יא), ועל כל נפשות מת לא יבא, ער טאר זיך נישט מטמא זיין צו קיין שום מת, לאביו ולאמו לא

יטמא, ער טאר זיך נישט מטמא זיין, נישט צו זיין טאטע און נישט צו זיין מאמע. א כהן גדול טאר זיך נישט מטמא זיין אפילו צו די שבעה קרובים.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז געווענליך ווען די תורה רעדט פון א טאטע און פון א מאמע, רעכנט די תורה אויס קודם דעם טאטען און נאכדעם די מאמע. פארוואס דא ווען די תורה זאגט, כי אם לשארו הקרוב אליו, זאגט דער פסוק לאמו ולאביו קען ער זיך מטמא זיין, פארוואס רעכנט ער אויס קודם די מאמע און נאכדעם די טאטע. ער וואלט געדארפט זאגן לאביו ולאמו קען ער זיך מטמא זיין, און צו די איבריגע נישט. פארוואס האט די תורה מקדים געווען קודם אמו און נאכדעם אביו.

**און** די קשיא גייט נאך שטערקער, אז עס איז יא דא א סיבה אז ער איז מקדים אמו פאר אביו, פארוואס ביי א כהן גדול, ווען ער זאגט שפעטער ועל כל נפשות מת לא יבא, זאגט ער לאביו ולאמו לא יטמא, הייבט ער אן קודם אביו און נאכדעם אמו. פארוואס דא האט די תורה אנגעהויבן קודם אמו און נאכדעם אביו.

**אין** די מפרשים אויפן פלאץ שטייט, אז אמו איז א וודאי אז עס איז זיין מאמע, אבער אביו איז דאך נישט קיין וודאי אז עס איז זיין טאטע, נאר דורך די הלכה פון חזקה, ווייסט מען אז דאס איז זיין טאטע, אבער עס איז נישט אזא בירור אזוי ווי אמו (עיין יבמות נד:, חולין יא.). ווען די תורה וויל זאגן אז א כהן קען זיך מטמא זיין צו זיינע קרובים, זאגט די תורה לאמו קענסטו זיך זיכער מטמא זיין, ווייל דאס איז א קרובה וואס איז א וודאי, אויף דעם דינגט זיך קיינער נישט ווער די מאמע איז. נאר אפילו לאביו, וואס דא דארף מען שוין צוקומען צו חזקה אז ער איז דיין טאטע, אפילו הכי קענסטו זיך אויך מטמא זיין. ווען די תורה זאגט, אז מען קען זיך מטמא זיין, איז א גרעסערער חידוש אביו פון אמו. אמו איז א פשיטא אז דו קענסט זיך מטמא זיין, אבער אפילו לאביו מעגסטו זיך אויך מטמא זיין. אבער ווען די תורה זאגט ביי א כהן גדול אז ער טאר זיך נישט מטמא זיין, דארט איז פארקערט, לאביו וואס איז נאר א חזקה, איז אודאי לא יטמא, און אפילו לאמו, אפילו די מאמע וואס דו ווייסט זיכער אז עס איז דיין מאמע, פון דעסטוועגן דאך טארסטו זיך נישט מטמא זיין.

**דער חינוך** גיט דאך א טעם אויף יעדע מצוה פון די תורה, און ער איז מסביר די צוויי הלכות, פארוואס ביי א כהן הדיוט איז די הלכה אז ער קען זיך מטמא זיין צו די קרובים, און א כהן גדול טאר זיך נישט מטמא זיין אפילו צו די קרובים. זאגט ער אזוי (מצוה רסג), די מצוה אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין בכלליות צו א מת, איז פארשטענדליך, א כהן איז משמש אין בית המקדש, ער טוט די עבודה אין בית המקדש, ער דארף זיין מקודש, ער קען זיך נישט מטמא זיין צו קיין מת, וויבאלד ער דינט בפלטין המלך. וואלט מען לכאורה געדארפט זאגן, אז ער זאל זיך נישט קענען מטמא זיין אפילו צו די קרובים אויך נישט. אבער די תורה איז דרכיה דרכי נועם, די תורה'ס וועגן זענען זיס, די תורה זוכט נישט שווער צו מאכן. א מענטש ווען עס גייט אים אוועק איינער פון די שבעה קרובים, איז ער זייער צובראכן, און ער האט א געפיל ארויסצוגעבן זיין צובראכענקייט, זיך אויסצוויינען, דארט וואו דער מת געפונט זיך. טאמער מען וועט אים נישט מתיר זיין אריין צו גיין באוהל המת צו די שבעה קרובים, האט מען אוועקגענומען פון אים א חלק וואו ער קען זיך אויסגעבן זיינע געפילן פון צובראכענקייט. די תורה איז דרכיה דרכי נועם, האט די תורה געזאגט, איך בין מתיר פאר א כהן ער זאל אריינגיין זיך מטמא זיין צו די שבעה קרובים, קענסט אריינגיין באוהל המת, געב דיר אויס דיין צובראכענקייט דארט, און דו וועסט ארויסקומען רואיגער פון דארט. - קומט אויס, אז די תורה האט עס מתיר געווען, ווייל מען האט א נאנטקייט צו די משפחה, האט די תורה געגעבן א געלעגענהייט פאר א מענטש, ווערן זיך אויס, געב ארויס דיין ווייטאג פון אינעווייניג, וועסטו ווערן דורך דעם בארוהיגט.

**גייט** דער **חינוך** (מצוה רע) ווייטער און ער זאגט, אויב עס איז אזוי, זאל א כהן גדול זיך אויך קענען מטמא זיין צו זיינע קרובים, ער איז דאך אויך א מענטש, זאל ער ארויסגעבן זיינע געפילן. זאגט אויף דעם דער חינוך, ניין, א כהן גדול איז אזוי אויסגעארבעט אין זיינע מדות, אז ער לעבט בעליונים, זיין מחשבה איז נישט דא, זיין מחשבה איז אלץ אין העכערע זאכן, אז זיין קשר צו זיינע אבות איז שוין בחייו געווארן אפגעטיילט. פון ווען ער איז געווארן א כהן גדול, ווען ער האט זיך אריינגעלייגט אין עבודת ה' צו זיין א כהן גדול, איז ער אפגעריסן געווארן פון אלע גשמיות'דיגע פארבינדונגען, און אפילו עס גייט

אוועק איינער פון זיינע זיבן קרובים, קען ער זיך גרינג בארוהיגן, ער דארף נישט אריין גיין אין קיין אוהל המת ער זאל זיך בארוהיגן, ווייל בחייו, ווי לאנג זיי האבן נאך געלעבט, איז ער שוין אויך געווען אפגעטיילט פון זיי, און יעצט איז ער געווארן מער אפגעטיילט, און פארדעם האט מען נישט געדארפט מתיר זיין פארן כהן גדול ער זאל אריינגיין. קומט אויס, אז דער טעם פארוואס מען האט מתיר געווען פאר א כהן אריינצוגיין, איז כדי ער זאל קענען ארויסגעבן זיינע געפילן, זיין ווייטאג וואס ער האט.

**די** גמרא (קידושין לא.) זאגט אקעגן כיבוד אב, אז עס שטייט (שמות כ-יב) כבד את אביך ואת אמך, קודם דער טאטע און נאכדעם די מאמע. אבער ווען מען רעדט פון מורא, שטייט (ויקרא יט-ג) איש אמו ואביו תיראו, קודם די מאמע און נאכדעם די טאטע. און רש"י זאגט, אז בדרך כלל האט א קינד מורא פאר א טאטע, אבער נישט פאר א מאמע. די מאמע איז נאנט צו א קינד, און א מאמע טוט פאר'צערטלען א קינד, עס איז דא א געוויסע אהבה צו א מאמע, און ביי דעם טאטען איז עס מער א ענין פון יראה. זאגט די תורה, איש אמו ואביו תיראו, איך ווייס דאך אז פארן טאטע האסטו מורא, און פאר דיין מאמע נישט אזוי ווייט. איש אמו ואביו תיראו, דארפסט מורא האבן פאר די מאמע און פאר דיין טאטע אויך. ווען עס קומט צו כיבוד, זאגט רש"י איז א מענטש גרינגער מכבד די מאמע, ווי ער איז מכבד דעם טאטע, ווייל ער האט מער א נאנטקייט צו די מאמע, אמו משדלתו בדברים, די מאמע האט אייביג ווייך גערעדט צו אים, און אים געגעבן וואס ער דארף האבן. איז ווען עס קומט צו כיבוד, איז מען ענדערש מכבד א מאמע ווי א טאטע, זאגט די תורה, כבד את אביך, כאטש דו ביסט נישט צוגעוואוינט מכבד זיין, ואת אמך און זיי מכבד זיין די מאמע אויך.

**קומט** דאך אויס, אז א מאמע איז נאנטער צו א מענטש ווי זיין טאטע. אזוי שרייבט דאך די תורה, ווען עס קומט צו אהבה, איז מען מקדים קודם כבד את אביך ואת אמך, ווייל צום אב האסטו נישט אזא נאנטקייט ווי צו די מאמע. נאר ווען עס קומט צו יראה, זאגט מען פארקערט, פאר די מאמע האסטו נישט קיין יראה, ווייל דו ביסט נאנט צו איר. - אז די תורה איז מתיר פאר א כהן אז ער מעג זיך מטמא זיין צו א מת, ווייל מען האט געפילן צו דעם מת, און די תורה האט געגעבן א געלעגנהייט אז מען זאל קענען ארויסגעבן זיין ווייטאג אויפן מת, איז דאס מער מסתבר מתיר צו זיין ביי אמו ווי ביי אביו, ווייל ביי אמו איז ער דאך מער פארווייטאגט, ווייל עס איז דאך דא א גרעסערע אהבה פון א קינד צו א מאמע ווי צו א טאטע. איז ווען די תורה איז מתיר אז ווענן דעם קענסטו זיך מטמא זיין, כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו ולאביו לה יטמא, לאמו צו די מאמע בין איך דיר אוודאי מתיר, ווייל צו די מאמע ביסטו נאנט, ממילא אז דו ווילסט ארויסגעבן די געפילן אויף די מאמע, בין איך דיר מתיר אריינצוגיין. און אפילו אביו וואס דארט איז די אהבה נישט אזוי גרויס, עס איז דא מער דער ענין פון מורא, פון דעסטוועגן דאך בין איך דיר מתיר אז דו קענסט אריין גיין. עס איז א גרעסערער חידוש דער אביו ווי דער אמו, ווייל אמו איז מער מסתבר מקיל צו זיין ווי ביי אביו.

**ווען** עס קומט אבער צום כהן גדול, וואס דער כהן גדול איז זיך נישט מטמא. פארוואס איז ער זיך נישט מטמא, ווייל ער האט שוין בחייו אפגעהאקט זיין קשר צו די עלטערן. זאגט מען, לאביו צו דיין טאטע, וואס דיין קשר איז ממילא א קלענער קשר, איז אוודאי אז דו דארפסט זיך נישט מטמא זיין. און אפילו לאמו, אפילו פאר די מאמע וואס ביי די מאמע איז דאך יא דא א נאנטער קשר, אבער א כהן גדול איז שוין אזוי ווייט אפגערוקט פון די עלטערן, אז ער לעבט נישט אויף דעם עולם. ממילא זאגט די תורה אז ער דארף זיך נישט מטמא זיין נישט לאביו און נישט לאמו.